**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/8/2024

## גאווערנער האקול מעלדט די פארענדיגונג פון מער ווי 35 מיליאן דאלאר סוער פראיעקט אין די סיטי פון ניובורג

***פראיעקט פינאנצירט דורך סטעיט און פעדעראלע אינוועסטירונגען, ארייננרעכענענדיג גרענטס פון 28 מיליאן דאלאר אין אינטערעסט-פרייע פינאנצירונג***

***די ערשטע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקט אין ניו יארק סטעיט איז פארענדיגט מיט פינאנצירונג פון די פעדעראלע ביפארטיזאן אינפראסטרוקטור געזעץ***

***פראיעקט פארבעסערט וואסער קוואליטעט און שטורעם ווידערשטאנדהאפטיגקייט דורך מאדערניזירן וואסער-אפלויף אינפראסטרוקטור***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די פארענדיגונג פון די סיטי פון ניובורג'ס צפון אינטערסעפטער סוער פארבעסערונג פראיעקט (North Interceptor Sewer Improvement Project), וואס איז קריטיש צו באשיצן די וואסער קוואליטעט פון די הודסאן ריווער און פארמערן שטורעם ווידערשטאנדהאפטיגקייט. עס איז די ערשטע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור בוי-פראיעקט אין ניו יארק סטעיט וואס איז פארענדיגט געווארן מיט טיילווייזע פינאנצירונג פון די פעדעראלע ביפארטיזאן אינפראסטרוקטור געזעץ. די פראיעקט פון מער ווי 31 מיליאן דאלאר איז פינאנצירט געווארן דורך סטעיט און פעדעראלע אינוועסטירונגען, ארייננרעכענענדיג גרענטס פון 28 מיליאן דאלאר און 3 מיליאן דאלאר אין אינטערעסט-פרייע פינאנצירונג. אונטער די פירערשאפט פון גאווארנער האקול, באקומט ניו יארק סטעיט ווייטער ארויס די פעדעראלע פינאנצירונג ערליך און גרינג צו העלפן קאמיוניטיס זיך אונטערנעמען און פארענדיגן קריטישע אפלויף-וואסער און טרינק-וואסער פראיעקטן, פארמינערנדיג די פינאנציעלע ווירקונג אויף לאקאלע שטייער-צאלערס.

"צוזאמגעשטעלט מיט אונזער סטעיט'ס אומגעהערטע אינוועסטירונגען, שטעלט פינאנצירונג פון די ביפארטיזאן אינפראסטרוקטור געזעץ צו א קריטישע געלעגנהייט צו מאכן באדייטנדע ענווייראמענטאלע פארבעסערונגען וואס וועלן באשיצן פאבליק געזונטהייט דורכאויס די סטעיט פאר צוקונפטיגע דורות," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "די פארבעסערונגען זענען וויכטיג צו באשיצן די אומגעבונג און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן אין ניובורג, און מיין אדמיניסטראציע וועט ווייטער שווער ארבעטן צו ארויסבאקומען פינאנצירונג צו העלפן קאמיוניטיס זיך אונטערנעמען און פארענדיגן קריטישע פראיעקטן, און עס צו טון ווי ביליגער מעגליך."

אין צוגאב צו 6 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע גרענטס און אינטערעסט-פרייע פינאנצירונג פון די BIL, האט די פראיעקט באקומען סטעיט גרענטס פון 15 מיליאן דאלאר פון די וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראיעקט (Water Quality Improvement Project) און וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראגראמען (Water Infrastructure Improvement programs), א 5 מיליאן דאלאר גרענט פון די

ריינע וואסער סטעיט רעוואלווינג פאנד (Clean Water State Revolving Fund), א 3 מיליאן דאלאר פעדעראלע געמיינדע גרענט, און א 2 מיליאן דאלאר גרענט פון די פעדעראלע אמעריקאנע רעטונג פלאן אקט.

די באדייטנדע סטעיט און פעדעראלע אינוועסטירונגען געשטיצע קאנסטראקשן פון 8,700 לינעאר פיס פון נייע, גרעסערע סוער פייפס און אנדערע קריטישע פארבעסערונגען צו פארשטערקערן די שטאט'ס פעהיגקייט בייצושטיין הויכע וואסער געשעענישן און פארמינערן פארפעסטיגונג אין די הודסאן ריווער. אינאוואטיווע מיקראטונעלינג טעכניקן זענען גענוצט געווארן איינצושטעלן איבער 2,000 לינעאר פיס אונטערערדישע סוער פייפ-ליניעס, פארמינערנדיג שטערונגען פאר קאמיוניטי איינוואוינער און פארשנעלערנדיג קאנסטראקשן. די נייע, גרעסערע פייפס פארמערן סיסטעם קאפאציטעט און פארמינערט פארפעסטיגונג וואס ווערט אפגעפירט צו די הודסאן ריווער דורך אפפירן מער אפלויפונגען צו די שטאט'ס באהאנדלונג פלענט דורכאויס נאסע וועטער געשעענישן.

די פעדעראלע פינאנצירונג ווערט צוגעטיילט דורך די סטעיט רעוואלווינג פאנדס דורך די ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע פאסיליטעטן קארפאראציע (Environmental Facilities Corporation EFC) אין קאארדינאציע מיט די אפטיילונגען פון ענווייראמענטאלע קאנזערוואציע און געזונט. EFC האט פארענדיגט מיט 96 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג פאר אכט פראיעקטן אלס טייל פון א רעקארד 2.2 ביליאן דאלאר אינוועסטירונג אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אין סטעיט 2024 פיסאקלע יאר.

**EFC פרעזידענט & CEO מאורין א. קאלמאן האט געזאגט,** "אונטער גאווארנער האקול'ס פירערשאפט, איז EFC איבערגעגעבן צו ארבעטן מיט לאקאלע קאמיוניטיס צו באשיצן וואסער קוואליטעט דורכאויס ניו יארק סטעיט, מאכנדיג רעקארד אינוועסטירונגען צו באשיצן פאבליק העלט און די ענווייראמענט בשעת'ן פארזיכערן אז די פראיעקטן זענען צוגענגליך. EFC'ס אנגייענדע פארטנערשאפט מיט די סיטי און ניובורג צו פארענדיגן קריטישע אפלויף-וואסער פארבעסערונגען העלפט צו מאכן באדייטנדע פארבעסערונגען אין די וואסער קוואליטעט פון די הודסאן ריווער, שפארנדיג א געשאצטע 24 מיליאן דאלאר פאר לאקאלע שטייער-צאלערס."

**DEC צייטווייליגע קאמישענער סיען מאהאר האט געזאגט,** "פארענדיגונג פון די סיטי פון ניובורג'ס 31 מיליאן דאלאר סוער פארבעסערונג פראיעקט וועט האבן אן אנהאלטנדע פאזיטיווע ווירקונג פאר לאקאלע איינוואוינער און די געזונט פון די הודסאן ריווער. א דאנק גאווארנער האקול'ס דויערהאפטיגע און גענעראציאנאלע אינוועסטירונגען אין וואסער קוואליטעט פארשטערקערט דורך פינאנצירונג פון דיביידען-העריס אדמיניסטראציע'ס ביפארטיזאנע אינפראסטרוקטור געזעץ, וועלן די שטארקע פארבעסערונגען צו ריינע וואסער אינפראסטרוקטור וואס איז היינט פארענדיגט געווארן פארבעסערן קאמיוניטי שטורעם ווידערשטאנדהאפטיגקייט און אין די זעלבע צייט פארמינערן פארפעסטיגונג, בענעפיטירנדיג די גאנצע ראיאן."

**סענאט מעידשאריטי פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "איך האב שטארק געקעמפט דורכצופירן די ביפארטיזאן אינטערסעפטער סוער פארבעסערונג פראיעקט אין ניובורג, וועלכע וועט איינשטעלן מאדערנע סוער פייפס צו פארמערן באשיצונג אנטקעגן שטורעמס און העלפן האלטן די הודסאן ריווער ריין. פאר יארקן, האב איך געארבעט מיט די סיטי פון ניובורג, ריווערקיפער (Riverkeeper), די ניובורג ריינע וואסער פראיעקט, און אנדערע לאקאלע אדוואקאטן צו פארבעסערן ניובורג'ס וואסער אינפראסטרוקטור צו מאכן אונזער באליבטע ניובורג געגנטער געזונטערע און זיכערערע פלעצער צו וואוינען און ארבעטן. איך דאנק גאווארנער האקול פאר איר ארבעט נוצנדיג פעדעראלע פאנדס צו פארענדיגן די ערשטע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקט אין ניו יארק מיט שטיצע פון די

ביפארטיזאן אינפראסטרוקטור & דשאבס געזעץ, און וועט ווייטער קעמפן צוזשטעלן פינאנצירונג צו שטיצן אונזער הודסאן וועלי קאמיוניטיס."

**EPA ראיאנישע אדמיניסטראטאר ליסא פ. גארציא האט געזאגט,** "גלייך דא אין ניובורג, האט די ביידען-העריס אדמדיניסטראציע צוגעשטעלט איר צוזאג צו אינוועסטירן אין די געזונט, גלייכקייט און ווידערשטאנדהאפטיגקייט פון קאמיוניטיס דורכאויס די לאנד צו אדרעסירן די גענעראציאנאלע פראבלעם פון צאמגעשטעלטע סוער פארפלייצונגען. ווען מיר אינוועסטירן אין אפלויף-וואסער אינפראסטרוקטור, אינוועסטירן מיר נישט נאר אין די געזונט פון א באליבטע נאטורליכע ריסאורס אזוויי די הודסאן ריווער נאר אויך אין די קאמיוניטי מיטגלידער וואס וואוינען לענגאויס אירע ברעגעס. קאנגראטולאציעס צו ניובורג פארן זיין די ערשטע אין ניו יארק סטעיט צו פארענדיגן א ריינע וואסער פראיעקט פינאנצירט אונטער די ביפארטיזאן אינפראסטרוקטור געזעץ. דאס איז א צופרידנשטעלנדע מיילסטאון און נאר די ערשטע פון פילע סוקסעס געשעענישן דא אין ניו יארק."

**סענאטאר קירסטען גיליברענד האט געזאגט,** "ריינע וואסער זאל זיין גרינג צו באקומען צו אלע אמעריקאנער אפגעזען פון וואו זיי וואוינען. הויך-קוואליטעט אפלויף-וואסער סיסטעמען זענען וויכטיג צו באשיצן די ענוויראמענט און פאבליק העלט, און איך בין דאנקבאר צו זען ווי פעדעראלע פינאנצירונג ווערט גענוצט צו פארבעסערן די קריטישע אינפראסטרוקטור. איך האב שווער געארבעט צו העלפן דורכפירן די ביפארטיזאן אינפראסטרוקטור געזעץ, און איך בין שטאלץ אז פינאנצירונג פון די היסטארישע לעגיסלאציע מאכט שוין א טויש פאר קאמיוניטיס אין ניו יארק."

**פארשטייער פעט רייען האט געזאגט,** "ריינע וואסער איז וויכטיג פאר אונזערע פאמיליעס' העלט און פאר אונזער ענווייראמענט צו בליען. איך בין שטאלץ אז די פראיעקט, געשטיצט דורך לענדמארק אינוועסטירונגען פון די היסטארישע ביפארטיזאן אינפראסטרוקטור געזעץ, צייכנט אפ א נייע קאפיטל פאר ניובורג פאמיליעס דורך צושטעלן ריינערע וואסער היינט און פאר צוקונפטיגע דורות. איך וועל ווייטער ארבעטן צו ברענגען מער פון די מאנומענטאלע פעדעראלע אינוועסטירונגען און וועל ווייטער קעמפן פאר די ריינע וואסער וואס יעדע הודסאן וועלי פאמיליע פארדינט זיך."

**אסעמבלימיטגליד יאנאטאן דשעיקאבסאן האט געזאגט,** "קאנגראטולאציעס צו די סיטי פון ניובורג פארן פארענדיגן די מאנומענטאלע ענוויראמענטאלע פראיעקט אין א רעקארד צייט-אפשניט - 2½ יאר. די פראיעקט האט אפגעהאלטן 56 <u>מיליאן</u> גאלאנען פון רויע אפלויף פון ווערן אפגעפירט אין די הודסאן ריווער. ניובורג האט אויסגענוצט די געלעגנהייט פון אן איינמאל-אין-לעבן געלעגנהייט דורך פינאנצירונג פון די פעדעראלע ביפארטיזאן אינפראסטרוקטור אקט. די אמעריקאנע רעטונג פלאן און די סטעיט. מער ווי האלב פון די פינאנצירונג איז געקומען פון ניו יארק סטעיט - 15 מיליאן דאלאר. די וויכטיגע פראיעקט איז פארענדיגט געווארן מיט מינימאלע קאסטן צו ניובורג שטייער-צאלער. א דאנק צו די שווער-ארבעטנדע יוניאן מיטגלידער און מיינע פארטנערס אין סטעיט רעגירונג, אריינרעכענענדיג גאווארנער קעטי האקול, ווי אויך די פעדעראלע רעגירונג און לאקאלע אפישלס, פארן ברענגען די פראיעקט צום פארענדיגונג."

**מעיאר פון ניובורג טארענס ר. הארווי האט געזאגט,** "גאווארנער האקול פארשטייט די פאליסי נויטווענדיגקייט פון פארשטערקערן מוניציפל אינפראסטרוקטור צו באקעמפן די ווירקונגען פון קלימאט טויש, און די מאראל פארפליכטיגונג פון פירערשאפט פאר אונזערע וויכטיגע נאטורליכע ריסאורסעס. גאווארנער האקול'ס אדמיניסטראציע האט טיכטיג און עפעקטיוו צוגעשטעלט סטעיט און פעדעראלע פינאנצירונגען פון די ביידען-העריס אדמיניסטראצע'ס ביפארטיזאן אינפראסטרוקטור געזעץ דירעקט צו די סיטי פון ניובורג פאר די טראנספארמאטיווע ריינע וואסער פראיעקט וואס וועט בענעפיטירן אלע הודסאן ריווער קאמיוניטיס. די סיטי פון ניובורג איז שטארק דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר איר

פירערשאפט און איבערגעגעבנקייט צו די געזונט פון אונזערע איינוואוינער, און צו אלע איינוואוינער פון די הודסאן וועלי."

**ריווערקיפער סיניאר דירעקטאר פון אדוואקאסי, פאליסי, און פלאנירונג דאן שעפלי האט געזאגט,** "ריווערקיפער האט אדוואקאטירט פאר מער ווי 50 יאר אפצושטעלן פארפעסטיגונג אין די הודסאן. ווען קאמיוניטיס פון נעבן די ריווער מאכן אינוועסטירונגען צו עלימינירן איבערפלוס פון וואסער באהאנדלונג אינפראסטרוקטור וואס שטעלט צאם אפלויף און שטורעם-וואסער, מיינט די פראיעקט אז מיר וועלן קענען הנאה האבן פון ריינערע וואסער. דאס איז גוט פאר אלע לעבעדיגע וואס פארלאזן זיך אויף די הודסאן, אריינרעכענענדיג אונז מענטשן. שוין יעצט איז מערסטנס פון די ריווער פארזיכערט צו שווימען, מערסטנס פון די צייט - און די פראיעקט וועט העלפן עפענען מער געלעגנהייטן פאר זיכערע פארווייַלונג אין די צוקונפט. מיר ווילן דאנקען ניובורג, ווי אויך די סטיעט און פעדעראלע פירערס וואס האבן ערמעגליכט פינאנצירונג פאר פראיעקטן אזוויי דעם. ווען מיר רוקן זיך פאראויס צו די קומענדיגע לעגיסלאטיווע סעסיע אין אלבאני, וועט ריווערקיפער ווייטער אדוואקאטירן פאר ווייטערדיגע פארפליכטונגען צו די ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אקט און ענוויראמענטאלע באשיצונג פאנד אזוי אז קאמיוניטיס קענען ווייטער מאכן די סארט פארבעסערונגען."

**ניו יארק'ס איבערגעגעבנקייט צו וואסער קוואליטעט**

ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו פארמערן אירע לאנד'ס-פירנדע אינוועסטירונגען אין וואסער אינפראסטרוקטור, אריינרעכענענדיג מער פון 2.2 ביליאן דאלאר אין פינאנציעלע הילף פון די EFC פאר לאקאלע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אין די סטעיט'ס פיסקאלע יאר 2024 אליין. מיט $500 מיליאן אריבערגעלייגט צו ריינע וואסער אינפעסטרוקטור אין די פיסקל יאר 2025 אינאקטעד בודשעט געמאלדן דורך גאווערנער האקול, וועט ניו יארק האבן אינוועסטירט א סך הכל פון 5.5 ביליאן דאלאר אין וואסער אינפראסטרוקטור זינט 2017 און די יאר. גאווערנער האקול'ס אינציאטיוון פון איר 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע העלפן פארזיכערן אנגייענדע קאארדינאציע מיט לאקאלע רעגירונגען און מאכן זיכער אז קאמיוניטיס קענען אויסנוצן די אינוועסטירונגען. די גאווערנער האט פארמערט WIAA טיילונגען פאר אפלויף וואסער פראיעקטן פון 25 צו 50 פראצענט פון נעט בארעכטיגטע פראיעקט קאסטן פאר קלענערע פארנאכלעסיגטע קאמיוניטיס. די גאווערנער האט אויך אויסגעברייטערט די EFC'ס 'קאמיוניטי הילף מאנשאפטן' (Community Assistance Teams) כדי צו העלפן קליינע, שטעטלישע און שוואכערע קאמיוניטיס צו אויסנוצן די פינאנצירונג און אדרעסירן זייערע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט זייער וואסער אינפראסטרוקטור ווערט געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די EFC אויף [https://efc.ny.gov/CAT](https://efc.ny.gov/CAT).

די פינאנצירונג, אין צוגאב צו אנדערע באדייטנדע אינוועסטירונגען אין וואסער קוואליטעט, רעכנט אריין דעם ווילער-באשטעטיגטן 4.2 ביליאן דאלארדיגן 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' פון 2022 וואס שטופט פאראויס נאך היסטארישע סומעס פון פינאנצירונג צו מאדערניזירן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן מעגליכקייטן פון קאמיוניטיס צו אויסשטיין שווערע שטורעמס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-טוישנדע עמיסיעס; אויפרעכטן פלעצער וואו ווילדע באשעפענישן און פלאנצונגען וואוינען; און היטן אויף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס. די ערשטע רונדע פון געלטער אונטער די ענווייראנמענטל באנד אקט איז געגעבן געווארן דורך די WIIA/IMG פראגראמען אין דעצעמבער, ווען גאווערנאר האקול האט געמאלדן $479 מיליאן אין שענקונגען צו 156 פראיעקטן איבער די סטעיט, אריינגערעכנט 309 מיליאן דאלער געבערענגט געווארן צו פארנאכלעסיגטע קאמיוניטיס. שוואכערע קאמיוניטיס וועלן באקומען צום וויניגסטנס 35 פראצענט פון די בענעפיטן פון די באָנד געזעץ געלטער, מיט א ציהל פון 40 פראצענט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן